**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 5/25/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול אנאנסירט נייע שריט צו אראפטרייבן די וואקסנדע צאלן פון די אומלעגאלע דראג 'זיילעזין' וואס דרייען זיך ארום און פארמיידן אָווערדאָזעס

***אומזיסטע זיילעזין טעסט סטריפּס דא צו באקומען אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט***

***ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע וועבזייטל קלערט אויף די פובליק איבער זיילעזין און אָווערדאָז רעאקציע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט נייע שריט צו אדרעסירן די פארשפרייטונג פון 'זיילעזין' (xylazine) אין ניו יארק סטעיט, אריינרעכענענדיג א נייע אונטערנעמונג צו צושטעלן אומזיסטע זיילעזין טעסט סטריפּס דורך פראגראמען פון די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע (Office of Addiction Services and Supports, OASAS) און די אפיס פון גייסטישע געזונטהייט (Office of Mental Health, OMH) און אזוי אויך דירעקטערהייט צו די פובליק. זיילעזין איז א דראג וואס שטילט איין די מוח אינדרויסן פון די 'אפּיויד' משפחה, און עס געפונט זיך צווישן די דראגס וואס ווערן פארקויפט אומלעגאל מיט פאטענציאלע שעדליכע געזונטהייט השפעות, באזונדערס ווען עס ווערט צוגעלייגט צו אומלעגאל פאבריצירטע פענטאניל. די מעדיצין naloxone ארבעט נישט אויף זיילעזין, און עס פירט צו קאמפליצירטע פענטאניל אָווערדאָזעס. נאך אויפקלערנדע אינפארמאציע איבער זיילעזין איז יעצט פארעפנטליכט אויף די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע'ס וועבזייטל.

"זיילעזין איז א געפארפולע דראג וואס קען פאראורזאכן ערנסטע געזונטהייט קאמפליקאציעס, אריינרעכענענדיג אָווערדאָז טויטפעלער, און ניו יארק סטעיט זעצט פאר צו אונטערנעמען אגרעסיווע שריט צו אדרעסירן די וואקסנדע סכנה," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די נייע באמיאונגען וועלן ראטעווען לעבנס און ברענגען גאר-נויטיגע מיטלען פאר קאמיוניטיס וועלכע זעצן פאר צו פילן די אנגייענדע השפעה פון די קריזיס."

די נייע באשטעלונג סיסטעם וועט ערמעגליכן פראָוויידערס און ניו יארק סטעיט איינוואוינער צו באשטעלן טעסט סטריפּס דורך א שותפות מיט NY MATTERS, און עס וועט פארזיכערן אן אנגייענדע סופליי פון די וויכטיגע שאדן-רעדוקציע מיטל אריבער ניו יארק סטעיט. די טעסט סטריפּס זענען דעזיינט צו אויפכאפן זיילעזין וואס איז אויסגעמישט געווארן מיט אנדערע דראגס, ווי צום ביישפיל קאָקעין אדער הערויִן.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע שטעלט אויך צו זיילעזין טעסט סטריפּס דורך איר נעטווארק פון פראָוויידערס אריבער די סטעיט וועלכע שטעלן צו סערוויסעס צו ארבעטן צוזאמען מיט מענטשן אין די קאמיוניטי און דורך אירע אנגייענדע טרענירונג פראגראמען. די באמיאונגען ווערן געשטיצט דורך ניו יארק סטעיט'ס אפּיויד סעטלמענט קאסע (Opioid Settlement Fund) און אזוי אויך דורך א פעדעראלע סטעיט אפּיויד אפרופונג גרענט. צו זעהן אינפארמאציע איבער באשטעלונגען, קענען פראָוויידערס באזוכן די OASAS שאדן רעדוקציע וועבזייטל.

זיילעזין איז א דראג וואס ווערט טיפיש גענוצט דורך חיות דאקטוירים אלץ אן איינשלעפנדע מעדיצין, און עס איז נישט גענוצט גענוצט פאר מענטשן. כאטש עס ווערט אפט אויסגעמישט מיט פענטאניל, איז זיילעזין נישט אליין קיין אפיויד, און דערפאר ארבעט נישט naloxone דערויף. אבער פונקט ווי פילע אפיוידס דרייט זיך עס ארום מער און מער אין די נישט-רעגולירטע דראג מארקעט אריבער די לאנד, און באזונדערס אין די צפון-מזרח. צוליב דעם איז עס דעזיגנירט געווארן אלץ אן [אויפשטייגנדע סכנה] דורך די פעדעראלע רעגירונג. זיילעזין קען אויך אין צוגאב קאמפליצירן פענטאניל אָווערדאָזעס אדער פאראורזאכן פארלענגערטע שווערע איינשלעפערונג און אזוי אויך הויט וואונדן — וועלכע קענען אין ערנסטע אומשטענדן פירן דערצו אז איברים זאלן דארפן אמפוטירט ווערן.

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע קאמישאנער, דר. טשינאַזאָו קאנינגהעם, האט געזאגט,** "דאס אז זיילעזין דרייט זיך ארום איז א וואקסנדע זארג, און שריט דארף אונטערגענומען ווערן צו אדרעסירן די אנגעלעגנהייט. מיר ארבעטן צו ארייַנלייגן די וויכטיגע שאדן רעדוקציע מיטלען אין די הענט פון פּראָווײַדערס און מענטשן וועלכע ווערן באטראפן דורך אדיקשען, פארשטערקערנדיג אונזערע באמיאונגען צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון גייסטישע געזונטהייט קאמישאנער, דר. ען סאָליוואַן, האט געזאגט,** "זיילעזין איז גאר א געפארפולע דראג וואס איז פארבינדן געווארן מיט א וואקסנדע צאל אין אָווערדאָז טויטפעלער אריבער דאס לאנד. פארמערן די צאל זיילעזין טעסט סטריפּס וואס זענען דא צו באקומען וועט אונז העלפן ראטעווען לעבנס, און איך מוטיג אלע OMH-לייסענסירטע פּראָווײַדערס צו אויסנוצן די מיטל וואס ווערט געאפפערט דורך די OASAS און דורך NY Matters."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שוּמער האט געזאגט,** "זיילעזין איז א שרעקליכע דראג וואס האט פארערגערט די אָווערדאָז מגיפה אין קאמיוניטיס אריבער גאנץ ניו יארק, און דערפאר האב איך געלאזט הערן די 'זיילעזין אלארם' און גערופן פאר שריט צו באקעמפן די פובליק זיכערהייט און געזונטהייט קריזיס. דיביידן אדמיניסטראציע האט זיך אפגערופן און דעזיגנירט זיילעזין אלץ אן 'אויפשטייגנדע סכנה'. איך אפלאדיר גאווערנער האקול פארן אויך אונטערנעמען שריט דורכן צושטעלן אומזיסטע זיילעזין טעסט סטריפּס אריבער די סטעיט. איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט סיי פעדעראלע און סיי סטעיט פירער צו פארברייטערן צוטריט צו פארמיידונג, באהאנדלונג און ערהוילונג סערוויסעס צו באקעמפן די וואקסנדע סכנה פון זיילעזין, און איך וועל נישט אויפהערן קעמפן ביז געזעץ אינפארסירונג און פובליק געזונטהייט אגענטורן האבן די מיטלען וואס זיי דארפן האבן צו אפשטעלן די אומלעגאלע פלוס פון די דראג און האלטן אונזערע קאמיוניטיס פארזיכערט."

OASAS זעצט פאר צו אויפקלערן פּראָווײַדערס און די אלגעמיינע פובליק איבער וויאזוי צו דערקענען און רעאגירן צו די פארשפרייטונג פון די דראג. אין צוגאב צו די נייע אינפארמאטיווע בלאט פארעפנטליכט פאר די פובליק, האט די אגענטור לעצטנס פארעפנטליכט [אנווייזונגען פאר פּראָווײַדערס] און אזוי אויך א נייע [טרעינירונג פראגראם] איבער די סכנות פון זיילעזין. די זיילעזין טעסט סטריפּ פראגראם קומט נאכדעם וואס א נייע באשטעלונג סיסטעם איז אויפגעשטעלט געווארן פריער דעם יאר פאר פּראָווײַדערס צו באקומען פענטאניל טעסט סטריפּס און naloxone, און עס איז א טייל פון די OASAS'ס באמיאונגען צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט.

ניו יארק סטעיט באקומט מער פון 2 ביליאן דאלאר דורך פארשידענע סעטלמענט אפמאכן מיט אפיויד און מעדיצינען פירמעס וועלכע זענען פארזיכערט געווארן דורך אטוירני דזשענעראל לאטישע דזשעימס. א חלק פון די סעטלמענט געלטער וועלן גיין דירעקט צו לאקאלע רעגירונגען, און די רעשט וועט אריינגעלייגט ווערן אין א ספעציעלע קאסע צו שטיצן פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג באמיאונגען צו אדרעסירן די אנגייענדע אפיויד מגיפה.

דער זעלבער געזעץ וואס האט אויפגעשטעלט די ספעציעלע קאסע האט אויך אוועקגעשטעלט די אפּיויד סעטלמענט קאסע אדווייזארי באורד מיט די אויפגאבע צו אהערשטעלן רעקאמענדאציעס איבער וויאזוי סעטלמענט געלטער זאלן פארטיילט ווערן כדי צו דינען די וועלכע נויטיגן זיך דערין אויפן בעסטן פארנעם. די באורד מיטגלידער האבן פארעפנטליכט זייערע ערשטע רעקאמענדאציעס נאוועמבער 1, 2022, שטעלנדיג אלץ הויפט פריאריטעטן צו פארברייטערן שאדן רעדוקציע סערוויסעס און באהאנדלונג.

ניו יארק סטעיט האט אייגעפירט אן אגרעסיווע, פיל-צייניגע צוגאנג צו אדרעסירן די איבערדאזע עפידעמיק, און באשאפן א פאלק-פירנדיגע המשך פון אדיקציע קעיר מיט פולע פארמיידונג, היילונג, גענעזונג און שאדן-פארקלענערונג סערוויסעס. די סטעיט האט געארבעט צו פארברייטערן צוטריט צו טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג קריזיס סערוויסעס, אין-פעישענט, אַוט-פעישענט און באהאנדלונג פראגראמען וואו די פאציענטן וואוינען אויפן ארט, מעדיצינען צו באהאנדלען אדיקשען, און אזוי אויך מאוביל באהאנדלונג און טראנספארטאציע סערוויסעס.

גאווערנאר האוקאל איז געווען א מיטגליד פון די NYC הערואין און אפיאויד ספעציעלע קאמיסיע וועלכע האט אין 2016 רעקאמענדירט נייע, נישט-טראדיציאנאלע סערוויסעס, אריינרעכענענדיג ערהוילונג צענטערן, יונגווארג קלאבהייזער, פארברייטערטע סערוויסעס פון מדריכים וואס זענען אליינס אריבער אדיקשען, און אפענע צוטריט צענטערן וואס שטעלן צו באלדיגע אונטערזוכונגען און שיקן פאר ווייטערדיגע קעיר. די סערוויסעס זענען זינט געווארן אוועקגעשטעלט אין צענדליכע געמיינדעס ארום די שטאט און האבן געהאלפן מענטשן אין נויט באקומען די הילף נאנטער צו ווי זיי וואוינען.

די ניו יארק סטעיט אפיס פון אדיקשען סערוויסעס און שטיצע זעהט איבער איינס פון די לאנד'ס-גרעסטע דראג באנוץ קראנקהייט קעיר סיסטעמען מיט בערך 1,700 פארמיידונג, באהאנדלונג, שאדן רעדוקציע און ערהוילונג פראגראמען, דינענדיג איבער 731,000 מענטשן יעדעס יאר. דאס איז כולל די דירעקטע אפעראציע פון 12 אדיקציע היילונג צענטערס וואו אונדזערע דאקטוירים, נורסעס, און קלינישע שטאב שטעלן צו שפיטאל-פאציענטן און איינוואוינער סערוויסעס פאר בערך 8,000 מענטשן א יאר.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן